„Radomer - Kielcer Leben" 39 (379) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" יאָהר VIII פּרייז 25 גראָשן

היינט 8 זייטן!

Radom, dnia 9 Parz. 1931 r.

ראַדאָם, פרייטאָג, כ"ז תשרי תרצ"ב

Redakcja i Administracja

Radom, Szwarlikowska 20

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען - פּרייזן:

אין פּעליטעטער שורה: פאַרן טעקסט 40 גר.

" " " אין " 60 "

" " " נאָכ'ן " 25 "

די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען

8 שפּאַלטען

אין טעקסט 4 "

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

---

Dr. med.

**N. SZENDEROWICZ**

*choroby skórne i weneryczne*

**PIŁSUDSKIEGO 2 — Tel. 2404.**

**powrócił i przyjmuje**

w godzinach: od 11 do 13 i od 4—7.

---

Państwu FRYDLAND

wyrażamy serdeczne współczucie z powodu

śmierci ich SYNA b. p.

**ZYSKINDA FRYDLANDA**

b. ucznia IV kl. naszego gimnazjum.

*Dyrekcja, Zarząd, Grono nauczycieli*

*i Administracja gimnazjum Tow.*

*„Przyjaciół Wiedzy" w Radomiu.*

---

דער בעסטער קירזשנער-וואַרשטאַט פון ש. שלאָס לובלין — אין —

האָט געעפנט אין א פּראָוויניץ ראַדאָם

גאַס פּיערוושעגאָ מאַיאַ (חיסאקא) 45

נעמט אָן און פיהרט אויס פּינקטליך און סאָליד אַלע קירזשנער-אַרבייטען.

גוטע בעדינגונגען! — צוגענגליכע פּרייזען!

---

Biuro próśb, windykacji i buchalterji

# „EXPRESS"

**RADOM, ul. ŻEROMSKIEGO 9** (Jacka Malczewskiego 6)

**za dostępną opłatę**

Redaguje prośby, podania, odwołania, umowy i.t.p.

załatwia korespondencję handlową i prywatną

przepisuje na maszynach i tłumaczy wszystkie języki!

windykuje należności miejscowe i zamiejscowe

informuje o zdolności kredytowej,

**i załatwia wogóle wszystkie czynności w zakres biurowości wchodzące**

Tanio! Szybko! Solidnie!

---




**Złoty medal na wystawie w Katowicach 1927 r.**

General. przedstawicielstwo na okręg kielecko-radomski

DOM KOMISOWY **M. CUKIERMAN** KIELCE

**ul. Sienkiewicza 29,** Telefon 455.

---

Dr. Med. **IGNACY LEWI**

choroby wewnętrzne i dzieci

**ordyn. 9 — 10 rano i 5 — 7 p. p.**

**OKULISTA**

**Dr. A. ŁUCZNO-LEWI**

**ordyn. 10 — 12 rano i 3 — 5 p. p.**

**przeprowadzili się**

na ulicę MONIUSZKI *(Kościelna)* **12**

— Tel. Nr. 2498. —

# א מעשה מיט פיער טויזענד זלאָטעס נדן-געלד און מיט א באַנק-ביכעל אויף 4 זל.

אין דער האַנדווערקער-באַנק (לובלי-נער 31) איז היינטיגע וואָך אדורכגע-קומען חתן-כלה און פערלאַנגט מ'זאָל זיי ארויסגעבען די איינגעלעגטע פיער טויזענד זלאָטעס נדן-געלד. נאָכן אויס-פרעגען די נעמען פון די פּקדון-איי-גענטימער איז די באַנק-לייטונג גע-וואָרען ערשטוינט און ערקלערט, אז זי הויבט נישט אָן צו וויסען פון אַזעלכעס. ווען יענע האָבען ווייטער גע'טענה'ט, אז זיי האָבען אריינגעלעגט אין דער באַנק די דערמאָנטע סומע האָט דער דירעקטאָר געפאָדערט פאַר-צושטעלען דאָס ארויסגעגעבענע באַנק-ביכעל. דאָ האָט דאָס פּאָרל ערקלערט, אז דאָס ביכעל איז פערלוירען געוואָ-רען. אין דער באַנק איז דער ענין געוואָרען אויפפאַלענד און ס'איז גלייך פעראָרדענט געוואָרען א גענויע קאָנ-טראָל אין די ביכער. בעת וועלכע ס'האָט זיך ארויסגעוויזען, אז אין די ביכער איז פערנאָטירט נישט קיין פיער טויזענד זל. נאָר גאַנצע פיער זל.

כדי פעסטצושטעלען די ריכטיגקייט האָט די באַנק פערלאַנגט, אז זייטיגע מענשען, בעקאַנטע פון די פעטענטען, און בכלל מענשען וואָס האָבען אָנ-אָהנונג אין בוכפיהרונג און אין באַנק-אנגעלעגענהייטען, זיי זאָלען נאָכקאָנ-טראָלירען און אלע האָבען טאַקע אָנערקענט, אז אין דער באַנק איז איינ-געלעגט געוואָרען נישט מעהר ווי 4 זלאָטעס.

ווי אַזוי איז דער משונה'דיגער פּקדון אַזש פון 4 זל. קומט אין באַנק אריין—וועגן דעם געהען ארום פערשי-דענע מעשיות און ווערסיעס. איינע פון זיי איז פאָלגענדע:

דער חתן, פ. ש. א יונגערמאַן פון דער פּראָווינץ, א פערמעגליכער, האָט פון זיין אייגען געלד געגעבען דער כלה 4000 זל. כדי עס זאָל הייסען, אז דאָס גיט זי איהם נדן. דער חתן האָט דאָס געטוהן צוליב דעם, מחמת זיינע עלטערן האָבען ניט געוואָלט מסכים זיין אויפן שידוך סיידען די כלה וועט נישט אויסצאָהלען נדן כך וכך.

דעם נדן זאָל האָבען דעריבער צוגע-נומען דער כלה'ס פאָטער און שוועס-טער מיט'ן תנאי איינצולעגען דאָס געלד אין דער האַנדווערקער-באַנק אויף חתן-כלה'ס נאָמען. זיי האָבען טאַקע אַזוי געטוהן ווי זיי האָבען גע-זאָגט, נישט מעהר. נאָר אַנשטאָט 4 טויזענד. האָבען זיי אריינגעלעגט פיער זל. די באַנק האָט ארויסגעגעבען א ביכעל אויף אַזא סומע — 4 זל. ווי די באַנק איז משער איז אין באַנק-בי-כעל צוגעשריבען געוואָרען צום ציפער 4 דריי נולען, וואָס זאָל דינען אלס „מאַסקעבענדער״ בעווייז, אַז דער נדן פון פיער טויזענד זל. איז באמת אריינגעטראָגען געוואָרען אלס פּקדון.

חתן-כלה איז אַלזאָ זיכער געווען, אז זייער נדן-געלד ליגט במלואו אָנ-געגרייט צו יעדער צייט ווען זיי וועלען עס וועלען ארויסנעמען. און טאַקע פאָריגע וואָך חוה"מ ווען דער חתן איז געקומען און אָבגעשטועסט א זמן-חתונה איז מען געגאַנגען אָנקויפען מעבעל, א דירה און פערשידענע אַנ-דערע זאַכען, וואָס זענען נויטיג צו א חתונה. דערביי האָט חתן-כלה זיך דערמאָנט אָן זייער געלד אין באַנק, וואָס קאָן טאַקע איצט זעהר צונוץ קומען. זיי האָבען זיך דאָן געווענדעט צו דער כלה'ס שוועסטער, וועלכע איז געווען די אפּיטרופּיסטע פון באַנק-ביכעל, זי זאָל עס זיי געבען כדי צו געהן אין באַנק אריין דאָס געלד ארויסנעמען. די שוועסטער האָט געגע-בען א אויסמיידענדען ענטפער, אז די קינדער האָבען דאָס ביכעל ערגיץ פערוואָרפען און זי ווייסט נישט וואו ס'איז אהינגעקומען.

בלית-ברירה זענען חתן-כלה געגאַנ-גען אין באַנק אריין אָהן ביכעל, זיי-ענדיג ביי זיך גאַנץ זיכער, אז דער נדן איז פערשריבען אין די ביכער און מ'וועט זיי די פיער טויזענט זל. ארויסגעבען אויך אָהן ביכעל. לײדער האָט זיך אָבער דאָס יונגע פּאָרל ענ-טוישט און די באַנק האָט זיי ערקלערט אַז אויף זייער נאָמען איז נישט מעהר פערשריבען נאָר 4 זלאָטעס.

אינטערעסאַנט איז, וואָס דורך דער גאַנצער צייט איז בומאָלט קיינער נישט געקומען מאָהנען אין באַנק די צינזען פאַר'ן פּקדון. און די באַנק פרעגט דערי-בער, און טאַקי זייער לאָגיק פרעגט זיי: וואו איז דאָס ביכעל? פאַרוואָס איז נישט מעהר פערנאָטירט נאָר 4 זל.? און אויב ס'זאָל אמת זיין, פאַר וואָס האָט זיך קיינער נישט געמאָלדען כאָטש איין מאָהל נאָכ'ן פּראָצענט?

חתן-כלה האָט טאַקע נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן אויף די אלע זעהר פערשטענדליכע פראַגען און נעמט יעצט אויף א פערהער דער כלה'ס פאָטער, שוואָגער און שוועסטער.

# פּראָצעס געגען סקאַרשאָווער רב.

עהדנעכסטען, מיטוואָך, איז אין ראַ-דאָמער קריין-געריכט פאָרגעקומען אַ פּראָצעס געגען דעם סקאַרישאָווער רב.

די. וואָס האָבען דעם סקאַרישאָווער רב אָנגעקלאָגט אין געריכט האָבען געגען איהם ארויסגעשטעלט א שווערע בעשולדיגונג, וואָס האָט געדראָהט מיט א האַרבע שטראָף. דאָס געריכט האָט אָבער איינגעזעהן זיין אומשולד און איהם גענצליך פרייגעשפּראָכען.

אויספיהרליך פאַרוואָס מ'האָט דעם פּראָצעס פערפירט געגען עלטסטען רב פון דער ראַדאָמער סביבה — וועגען דעם וועלען מיר בפרטיות בעריכטען אין קומענדיגען נומער.

# די גמינע ענטזאָגט די שוחטים פון זייערע שטעלעס.

ווי מיר דערוויסען זיך, האָט די גמי-נע אָבגעזאָגט אלע שוחטים פון סטי-ציען אָן 1932. וואָס עס האָט דער גמינע בעוואויגען צו אַזעלכע שריט, איז פאָרלויפיג נאָך גענוי נישט קלאָר.



# קעלצער אבטיילונג

## מערדער פון א יודישען גוטסבעזי־צער פאר'ן קעלצער קרייז געריכט.

אין דארף פשישעקא (באהן סטאציע קאזלוק נעבען קיעלץ) איז מיט איינינע וואכען צוריק נעלם געווארען דער דארטיגער יודישער גוט־בעזיצער וואלף פערדיס.

די פאמיליע פון פערשוואונדענעם האט איהם תיכף אנגעהויבען ארומזוכן אבער אומזיסט א לעבעדיגען האבען זיי באלד אין צווייטען טאג געפונען אין א וואלד דעם טויטען קערפער פון זייער פאטער.

דער דאזיגער שרעקליכער מארד האט אויפגערודערט די גאנצע געגענד, ווייל פערדיס איז געווען בעקאנט אלס ארענטליכער און סאלידער מענש. די פאליציי האט באלד געמאכט א אבלאווע און ארעסטירט אייניגע איינוואהנער פון דארף, אויף וועלכע ס'איז געפאלען א חשד אלס מערדער.

די אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט אז די ארעסטירטע האבען טאקע דערמארדעט פערדיס'ן צוליב א סכסוך וועגען א פארצעלירטען פלאץ. פערדיס איז דערמארדעט געווארען דורך א מע־סער־שטאך אין הארץ.

היינטיגע וואך זענען די מערדער געשטאנען פאר'ן קיעלצער קרייז־גע־ריכט. זייערע נעמען זענען: בארטלאמע קארטש; יאן קארטש; סטאניסלאוו קורארז און סטאניסלאוו זחיעדזשכאוו־סקי. דער פראצעס האט געדויערט א גאנצען טאג. עס זענען אויסגעהערט געווארען ארום 30 עדות. נאך דער שארפער רעדע פון פראקוראר, וואס האט געפאדערט פאר אלע בעשולדיגטע אייביגע תפיסה האט דאס געריכט ארויסגעטראגען פאלגענדען אורטייל: בארטלאמיי קארטש און זשעליכאווסקי צו זיבען יאהר תפיסה; קורארז 8 יאהר און יאן קארטש פריי.


טעאטער „פאלסקי" קעלץ

לעצטע 3 פארשטעלונגען פון

## מאריס לאמפע, שושנה

און זייער אנסאמבל

פרייטאג, דעם 9־טן 30 8 אוו., שבת דעם 10־טן 4 נ. מ.

ווערט אויפגעפיהרט די ריהרענדע מעלאדראמע

## א הארץ וואס בענקט

שבת, דעם 10טן 8 30 אוו. טרעט אויף מ. ליאמפע אין זיין קרוין ראל

## טוביה דער מילכיקער

בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון טעאטער.



## וואס זאגען אנגעזעהנע פירמעס וועגען דער קיעלצער ווינדיקאציע־ביורא.

מיינע בעסטע דאנק־אויסדרוקען דער טיכטיגער ווינדיקאציע — ביורא אין קיעלץ (אלטע ווארשאווער 7) פאר זייער ווירקזאמע און פינקטליכע אויפמאהנונג פון מיינע חובות.

מ ראפאפארט קיעלץ
קילינסקיעגא 2

„די ווינדיקאציע־ביורא פון ה' שוואטלא א. א. ארבייט זעהר ענער־גיש און איבערגעגעבען. די ביורא איז ווערט דעם פולסטען צוטרוי."

ש. פשעדנאוועק, קיעלץ
היפאטעטשנא 12

„אפילו פון פערפאלענע חובות טאר מען זיך נישט מיאש זיין! אזוי האבען אונז איבערצייגט די רעזולטאטען פון ה' שוויאטלא'ס ארבייט ביים אויפמאנען חובות".

פירמע ראדאל קעלץ. 3-2

„דאס געלד פאר ה' ל' ס. פראטעסטען האבען מיר פון אייך ערהאל־טען. מיר זענען הכסט צופרידען און דאנקען אייך הפליך".

Zakład dent. Byszkowicz
Warszawa Leszna 2



## ד"ר י. גאלדשטיין קעלץ Plac Wolności 6

האט געעפענט —א נייעם— רענטגען; עלעקטרישען אנשטאלט ה יי ל.

עס ווערען אנגענומען אלערליי רענטגען־דיאגנאזען און היילונגען;
◆— עלעקטריזאציע און קווארץ־לאמפ בעלויכטונגען. —◆


## פון בית־יתומים און לינת הצדק.

אלע מנדבים און בעזונדערס די זאמלער:

הרבנית ראפאפארט; י. הירשזאהן; און מ פרילוסקי

ווערט אויסגעדריקט א דאנק פאר זייער פעראינטערעסירונג אין שפיצע לטובת די זומער־קאלאניעס פון די דערמאנטע אינסטיטוציעס.

# מאריס לאמפע

### צו זיינע אויפטריטען אין קעלץ

דער גלענצענדער יודישער ארטיסט מאריס לאמפע — ווער איז ער עס אזעלכער?" — אזוי האט זיך געפרעגט, און געקוועטשט מיט די אקסלען, דער יודישער טעאטער־עולם, ווען די דאזיגע נאמען האט מיט א יאהר צוריק ארא־געשיינט פון די טעאטער־מודעות אויף דער פראווינץ.

עפעס האבען עלטערע טעאטער־בע־זוכער יא געדענקט אזא נאמען. יחי־דים האבען אפילו דערצעהלט, אז נאך גרייסע ערפאלגען אין רוסלאנד קומט ער צו אונז קיין פוילען אט דער לאמ־פע. אבער ווער איז ער פארט? איז ער טאקע אזוי גלענצענד?

מען ברויך געהן זעהען. און מיר זענען געגאנגען. האבען מיר געזעהען אז עס פאר זיך נישט נאר א גלענצענדען אקטיאר נאר א געניאלען, גרויסען קינסטלער; א יודישען קינסטלער.

דען „טוביה" — דאס אונשטערבלי־כע ווערק פון אונזער גרויסען פאלקס־דיכטער שלום־עליכם, האט ביי לאמפען בעקומען א אמת'ן תיקון, אזוי נאר, אזוי האט שלום־עליכם פערשטאנען טוביה'ן אויב איהר ווילט איז טוביה א סימבאל פון דער יודי־שער נשמה; פון דער יודישער פסיכיק. טוביה'ס זארג איז אונזער זארג. זיין הארציגקייט און זיין עצבות, וואס ווערט אבער באלד אוועקגעשטויסען דורך אמת'ער יודישער פרעהליכקייט און טיפען בטחון, איז טיף פערוואר־צעלט אין אונזערע אדערן.

מען ברויך דעריבער זיין ביי זיך נענוג זיכער און פעסט איבערצייגעמען אזא ראל. עס איז א צו־דעליקאטער מאטעריאל טוביה פערקערפערט דאך דאס איידעלסטע און פיינסטע פון יודיש־קייט,

לאמפע האט עס געפיהלט און גלוי־בענדיג אין זיינע כחות, האט ער גע־וואגט עס צו טוהן.

און עס איז איהם געלונגען.

אין דעם ש"ע־זשאנר איז לאמפע פשוט א מייסטער. עס וואלט אויך נישט געשאדט, אז ער זאל ברובען פרץ און אש'ן. ער ברויך גאר א ביסעלע מעהר פערטיפונג און ערודיציע.

איז טאקע קיין וואונדער נישט, וואס אפילו אזא ביליגע אמעריקאנער עקספארט־מעלאדראמע. ווי „א הארץ וואס בענקט„ האט צוגעצויגען אזא ריזיגען טעאטער־עולם. מען איז נישט געקומען זעהען די פיעסע. מען איז געקומען זעהען לאמפען.

אבער זאל נישט געמינערט ווערען דער אנטייל פון דער בעגאבטער, טא־לאנטפולער ארטיסטין שושנה, וואס האט מיטגעריסען דעם עולם מיט איהר שפיעלען. זאל איהר גאט מוחל זיין פאר די ארויסגערופענע הייסע טרעה־רען. אמת'ע יודישע טרעהרען. אבער וואס איז זי נעבעך שולדיג? האט א פרעטענסיע צו איהר אויסערגעוועהנ־ליכער הארציגקייט און צו איהר גרוי־סען טאלאנט.

קיעלץ. ל. ראדאל

Bata

# דאמען-בייהייטען אויף הערבסט



29.90

מאדעל 4525-08

עלעגאנטער און בעקוועמער ספארט-באטאטפעל, וועלכער וועט ערגענצען אייער ספארט קליידונג. ברוינען באקס און א נידעריגער קלאץ.



29.90

מאדעל 1605-44

שפאציר פאנטאפעל פון ברוינעם באקס, גוטפאל בעפוצט מיט שלאנגען-לעדער.



29.90

מאדעל 9505-54

עלעגאנטער וויזיט-פאנטאפעל פון העכער גצמוע מיט א גוטסמאקער פארפיצונג. אנטשפרעכענ-דע אפילו פאר דער שענסטער וויזיט-קליידונג.

איך זוך א אנשטענדיגען און סאלידען מענש א סחר

צו הייראטען מיט איהם

איך שטאם פון א זעהר שעהנער און מיוחס'דיגער משפחה.

וועגען גענויערע פרטים זיך צו ווענדען

אויף לובלינער 14 צו פרוי באשע ווערטהיים.

## זי האט זיך ניט געהאלט פון שמערצען בכלל ריהן.

### איצטער איז זי פטור אינגאנצען פון רעוומאטיזם.

וואס פארא שרעקליכער געפיל ניט קענען אליין אויפשטיין פון בעט אזוי שטייף זענען די פיס און די הענט — ניט פעיק צו דער ארבעט — דאס איז א קרבן פון רעוומאטיזם. אבער היינט איז זי וויטער פריש און באוועגליך ווי פריער און פילט ניט קיין שום ווייטאג. פרוי ח. סאיק, גרודזיאנדז שעווס-קא 16/1 שרייבט אונז: שוין א לענגע-ציים האב איך געליטען אויף רעוומא-טיזם אין די הענט און פיס. די ווייטא-קן האבען מיר אזוי דערקוטשעט, אז איך האב אפט א גאנצע נאכט ניט געקענט שלאפען. מיינע הענט און פיס זענען מיט דער צייט אזוי שטייף גע-ווארען אז איך האב כמעט מיך נישט געקענט ריהרען איך קאן פשוט נישט בעשרייבען ווי איך דורך די צייט גע-געליטען. דורך 7 חדשים האב איך פרובירט פארשידענארטיקסטע מיטלען וועלענדיג זיך בעפרייען פון די שרעק-ליכע ווייטאקן. אבער עס איז דאן מיר באמת ערשט בעסער געווארען, ווען איך האב אנגעהויבען נעמען טאגאל. שוין אין א וואך ארום זענען די ווייטאקן געווארן קלענער און איך האב געקאנט רוהיג שלאפען. זעענדיג אזעלכע גוטע רעזולטאטען האב איך וויטער גענו-מען טאגאל, שטרענג לויט פארשריפ-טען. מיט דער צייט האב איך וויאוש-נע געפיהלט ווי מיינע הענד און פיס ווערן וואס וויטער באוועגליכער. יעצט בין איך שוין אינגאנצען פטור דער אונאנגענעמער קרענק אזוי אז היי-יאהר האב איך א דאנק טאגאל געקאנט פערציכטען אויף א רייזע און א קו-ראָרט. טאגאל איז באמת א ראדיקאל מיטעל! וועגן דעם קענען זאגן עדות טויזענדער מענשען וואס האבען גענו-מען טאגאל ביי רעוומאטיזם, פאדאגרע-רייסן און ברעכן אין די ביינער נער-ווען און קאפ-ווייטאג, גריפע, פארקי-לונגען און אנדערע ענליכע קראנקהיי-טען. אונשעדליך פאר'ן מאגן, הארץ און אנדערע ארגאנען. טאגאל שטילט נישט נאר די ווייטאקן, אבער דערשטיקט אויך אין קערן די אלע חולאת'ן! דע-ריבער האט מען אפילו ביי כראנישע פאלען דערגרייכט מיט טאגאל איבער-ראשענדע רעזולטאטען. און ווען נאך טויזנדער דאקטוירים פעו שרייבן טאגאל קאנדאך יעדער מיט צוטרוי דעם מיטל קוי-פען. פרובירט נאך היינט פאדערט אבער ווירקזשנע נור טאגאל! אין אלע אפטייקן.

Biuro Prośb i Podań

p. f. „PROLITEX"

RADOM, WAŁOWA 5, oficyna 1-sze piętro.

ZAŁATWIA:
Sprawy paszportowe
Mieszkaniowe
Wszelkie Tłomaczenie
i inne.

Redaguje Podania:
Do Władz Sądowych
Skarbowych
Administracyjnych
i Wojskowych.

Windykacje należności w całej Polsce.

**Informacje o zdolności kredytowej**

**Przepisywanie na maszynach.**

**Biuro czynne: od godz. 9-ej rano do 7-ej wieczór.**

40% ביליגער!

די נייעסטע — פאסאנען פון מעבעל פון פאלגענדע מאטעריאלען:

וועגנערסקע יעשאן, זלאטא בושאוע, פיראמירען, זשעברא, מאכאן און יעשאן.

——— אויף גוטע בעדינגונגען. ———

דאס אלעס ווערט אויס-געפערטיגט ביי דער פירמע קליין, זשעראמסקי 26

## דאנקזאגונג.

אין נאמען פון דער גאנצער געזעלשאפט וועלכע האט פערבראכט אין בוסק מיט דער הילף פון דער ג' געזעלשאפט „עזרה„ בעגריסען מיר און דאנקען דעם געעהרטען פרעזעס איתמר אדלער מיט זיין סעקרעטאר, אונזער פריינד און חבר אליעזר פישמאן. מיר דריקען זיי אויס דעם העכסטען דאנק פאר דער אונערמידליכער ארבייט און פאר דער גוטער בעהאנדלונג, וואס א דאנק זייער מ"ה און מאסער מיט אזוי פיעל צייט פערוועדען זענען מיר בעהאנדעלט געווארען אויף דעם בעסטען אופן וואס מ'קאן זיך נאר פאר-שטעלען. קור-געסט פון אנדערע שטעדט האבען גארנישט געקענט בעווינדע-רען די פיעל ארבייט און איבערגעגעבענהייט פון דעם ה' פרעזעס מיט זיין סעקרעטאר צו דער געזעלשאפט, וועלכע בעשטעהט פון פערשידענע טיפען מענשען.

ראדאמער יודען, איהר מעגט שטאלצירען מיט דער אינסטיטוציע, וועלכע איז אזוי הייך אויפגעשטעלט געווארען אויף דער העכסטער מדרגה און האט זיך קונה שם געווען אויף דעם גאנצען לאנד, עס פעהלט אויס לויב-ווערטער פאר דער ג. געזעלשאפט „עזרה" מיט איהר ג. פרעזעס און סעקר.

ייען איהר, ראדאמער יודען זאלט בייוואהנען די בוסקער קוראציע, וועל-כע ווערט גע[illegible] דער יורישער ארימער בעפעלקערונג פון ראדאם דורך ג. „עזרה" זאלט זיך יעדער איינער פון אייך בעטייליגען לטובת דער ג. געזעלשאפט „עזרה" און מיטצוהעלפען דעם ה' פרעזעס מיט זיין סעקרע-טאר אין דער פעראנטווארטליכער ארבייט.

די[illegible] אכ"ונג. מ. ט. ר.

Redaktor CH. M. HERC

Drukarnia Wyd "Radomer-Kielcer Leben", Radom, Szwarlikowska 20.